# האָפֿענונג און שרעק

. . . מײַן האַרץ איז מיט אײַך.

מײַן אויג ווערט נישט זאַט פֿון אײַער פֿלאַמענדיקער פֿאָן; מײַן אויער ווערט נישט מיד הערנדיק אײַער מעכטיק געזאַנג.

מײַן האַרץ איז מיט אײַך; זאַט דאַרף זײַן דער מענטש, און ליכטיק דאַרף אים זײַן . . . און פֿרײַ מוז ער זײַן, און האָבן איבער זיך צו שאַפֿן, איבער זיך און זײַן אַרבעט.

און אַז איר בײַסט די פֿויסט וואָס וויל אײַך אײַער פֿרײַ וואָרט, אײַער ברענענדיקן פּראָטעסט צוריק אַרײַנזועצן אין דער קעל, מען זאָל עס נישט הערן — פֿרייט מיך; בעט איך גאָט, ער זאָל אײַך שאַרפֿן די ציין. און ווען איר מאַרשירט אויפֿן אַלטן סדום און ווילט עס אײַנרײַסן, גייט מײַן נשמה מיט מיט אײַך; און די זיכערקייט, אַז איר מוזט זיגן, מאַכט מיך פֿול און וואַרעמט און באַרוישט מיך ווי אַלטער ווײַן . . . .

און דאָך . . . .

און דאָך האָב איך פּחד פֿאַר אײַך.

איך שרעק מיך פֿאַר באַצוווּנגענע וואָס זיגן. עס קענען פֿון זיי באַצווינגער ווערן, און יעדער באַצווינגער זינדיקט קעגן מענטשלעכן גײַסט . . . .

צי רעדט מען נישט צווישן אײַך, אַז די מענטשהייט דאַרף מאַרשירן ווי אײן אַרמיי אין פֿראָנט און איר וועט איר פֿאַרשפּילן דעם מאַרש אויפֿן וועג?

און דאָך איז די מענטשהייט קיין אַרמיי נישט.

שטאַרקערע גייען פֿאָרויס, האַרציקערע פֿילן טיפֿער, שטאָלצע וואַקסן העכער — צי וועט איר נישט אונטערהאַקן די צעדער, זיי זאָלן נישט איבער־וואַקסן דאָס גראָז?

צי וועט איר נישט פֿאַרשפּרייטן אײַערע פֿליגל איבער דער מיטלמעסי־קייט? צי וועט איר נישט פֿאַרפּאַנצערן די גלײַכגילטיקייט און באַשיצן נאָר די גרויע, גלײַך געשוירענע סטאַדע?

*

איך פֿאַרכט מיך פֿאַר אײַך.

אַלס זיגער קענט א י ר די ביוראָקראַטיע ווערן; אויסצוטיילן יעדן זײַן ביסן, ווי פֿאַר אָרעמע־לײַט אין הקדש; אָפּצומעסטן יעדן זײַן אַרבעט, ווי לעקציעס אויף דער קאַטאָרגע. און איר וועט פֿאַרטיליקן דעם באַשעפֿער פֿון נײַע וועלטן — דעם פֿרײַען מענטשלעכן ווילן, און פֿאַרשיטן דעם ריינסטן קוואַל פֿון מענטש־לעכן גליק — די מענטשלעכע איניציאַטיוו — די קראַפֿט וואָס שטעלט איינעם קעגן טויזנטער, קעגן פֿעלקער און געשלעכטער . . . און איר וועט מעכאַניזירן דאָס לעבן און הייסן עס פֿאַרברענען אין קאַשאַרן.

און א י ר וועט זײַן פֿאַרנומען מיט רעגלאַמענטירן; מיט שרײַבן, פֿאַר־צייכענען און שאַצן . . . מיט פֿאַרשרײַבן: ווי הויך און ווי אָפֿט עס מעג שלאָגן אַ מענטשלעכער פּולס, ווי ווײַט עס מעג זען אַ מענטשלעך אויג, וויפֿל עס קען פֿאַרנעמען זײַן אויער, און וואָס פֿאַר אַ חלומות עס מעג האָבן דאָס פֿאַרבענקטע האַרץ.

*

מיט האַרציקער פֿרייד קוק איך, ווי איר רײַסט אײַן די מויערן פֿון אַלטן סדום; מײַן האַרץ אָבער ציטערט דערבײַ, איר זאָלט אויף זײַנע חורבות קיין נײַעם, קיין ערגערן נישט בויען — אַ קעלטערן, אַ פֿינצטערערן!

עס וועלן קיין שטיבער אָן פֿענצטער נישט זײַן; נאָר אין נעפּל וועלן אײַנגעהילט זײַן נשמות . . . .

עס וועט קיין לערער מ אָ ג ן נישט זײַן, נאָר ז ע ל ן וועלן הונגערן . . . קיין וויגעשריי וועט קיין אויער נישט פֿאַרנעמען, נאָר דער אָדלער, דער מענטש־לעכער גײַסט, וועט מיט אָפּגעשניטענע פֿליגל שטיין בײַ דער קאָריטע גלײַך מיט דער קו און מיטן אָקס . . . .

און די גערעכטיקייט וואָס האָט אײַך באַגלייט אויפֿן דאָרניקן און בלוטיקן וועג צום זיג וועט אײַך פֿאַרלאָזן, און איר וועט עס נישט מערקן; דערצו זענען זיגער און הערשער בלינד, און איר וועט זיגער און הערשער זײַן. און איר וועט זינקען אין אומגערעכטיקייט, און איר וועט נישט פֿילן דעם זומפּ אונטער אײַערע פֿיס . . . פֿעסט פֿילט זיך יעדער הערשער, כּל־זמן ער איז נישט גע־פֿאַלן . . . .

און געפֿענגענישן וועט איר בויען פֿאַר די וואָס וועלן אויסשטרעקן די האַנט, צו ווײַזן אײַך דעם אָפּגרונט, צו וועלכן איר זינקט . . . . און אויסרײַסן פֿון די מײַלער וועט איר די צונגען וואָס וועלן אײַך וואָרענען פֿאַר די וואָס וועלן נ אָ ך אײַך קומען, אום אײַך און אײַער אומגערעכטיקייט צו פֿאַרניכטן . . . .

# HOPE AND FEAR

My heart is with you.

My eye cannot have its fill of your flaming flag. My ear never tires of listening to your sonorous song.

My heart is with you. Sated should every man be and his home flooded with light. Free should every man be, free to fashion his life, free to choose his work.

When you clench your fists at those who would stifle the free word in your throat and still the burning protest on your lips—I rejoice; I pray to God to sharpen your teeth. Yea, when you march upon Sodom ready to rend and tear, my soul is with you. Sureness of your victory fills me with warmth and makes me drunk as with old wine.

And yet . . .

And yet I have my fear of you.

I fear the oppressed who are victorious lest they turn into oppressors, and every oppressor sins against the human spirit.

Is there not already talk among you that humanity must march like an army at the front and that you will beat for it the drum to keep it in step and pace?

And yet, humanity is not an army.

The stronger forge to the van, the more sensitive feel more deeply, the prouder wax taller—will you not, I ask, cut down the cedars lest they outgrow the grass?

Will you not spread your wings to enfold the mediocre? Will you not shield with your arms the indifferent? Will you not protect merely the gray, equally shorn herd?

•

I have my fear of you.

As victors, you could turn into bureaucrats, doling out to each his bit as to the poor in a poorhouse, apportioning to each his work as to the imprisoned in a prison-pen. Then you would annihilate the creator of new worlds—the free human will; you would stop up the purest well of human happiness—individual initiative—the power of the one to face thousands, to stand up to people and generations. You would mechanize, yea macadamize life.

You would be busy with regimenting, recording, filing, and estimating, with prescribing how often the human pulse may beat, how far the human eye may see, how much the human ear may hear, and what dreams the longing heart may indulge in.

•

With real joy I see you tear down the walls of Sodom. But my heart trembles lest you build on its ruins a new, worse Sodom—more cold, more gloomy!

True, there will be no homes without windows but the souls will be shrouded in mist.

True, all bodies will be well-fed, but spirits will go hungry.

True, no wail of woe will be audible, but the eagle—the human spirit—will stand with clipped wings at the same trough beside the cow and ox.

Justice, which led you on the thorny bloody road to victory, will leave you and you will not even notice it: in that respect victors and rulers are blind and you will be victors and rulers; you will sink into injustice and you will not even feel the morass under your feet, for every ruler feels sure of his footing as long as he has not fallen.

You will build prisons for those who will stretch out their hand to point out the pit into which you are sinking. You will cut from the mouths the tongues that warn you of those who will come after you in order to annihilate you and your injustice.

גרויזאַם וועט איר פאַרטיידיקן די גלײַך־באַרעכטיקונג פון דער סטאַדע צום גראָז אונטער אירע פיס און צום זאַלץ איבער איר קאָפּ, און אײַערע פײַנט וועלן זײַן: פרײַע אינדיווידוען, איבערמענטשן, געניאַלע ערפינדער, פּראָפעטן, ערלייזער, דיכטער און קינסטלער....

*

אַלץ וואָס עס געשעט, געשעט אין רוים און צײַט....

אויפן פּלאַץ איז דאָס שוין געשעענע, דאָס שטאַנדהאַפטע, פעסטע, און דעריבער: דאָס פאַרגליווערטע און געפרוירענע, דער הײַנט וואָס דאַרף און מוז אונטערגיין....

די צײַט איז פאַרענדערונג, זי בײַט, אַנטוויקלט; זי איז דאָס אייביקע אויפשפּראָצן, אויפבליִען — דער אייביקער מאָרגן....

און אַז פון אײַער מאָרגן, צו וועלכן איר שטרעבט, וועט ווערן הײַנט, וועט איר זײַן די פאַרטיידיקער פון נעכטיקן טאָג, פון אָפּגעשטאָרבענעם, פון טויטן... וועט איר טרעטן די שפּראָצן פון מאָרגנדיקן טאָג און פאַרטיליקן זײַנע בליטן און גיסן שטראָמען קאַלט וואַסער אויף די גײַסטנקעפּ פון נביאות, חלומות און נײַע האָפענונגען....

שטאַרבן וויל נישט דער הײַנטיקער טאָג, בלוטיק גייט אונטער יעדע זון....

איך וויל, איך האָף צו אײַער זיג, נאָר איך שרעק מיך און ציטער פאַר אײַער זיג.

איר זײַט מײַן האָפענונג, איר זײַט מײַן שרעק.

1905

Cruelly will you defend the equal rights of the herd to the gras under their feet and to the salt above their heads, and your foes wil be the free individual, the savior, the poet, the artist, and all who strive to ascend beyond man.

• •

Whatever happens, happens in space and time.

Space is filled with what has already happened, the existing, the firmly established, and therefore the fossilized and the petrified, the *now* that should and must perish.

Time is change, transformation, evolution. Time is eternal birth, eternal sprouting, eternal blossoming, eternal tomorrow.

And when the morrow, toward which you all aspire, will have become no longer the morrow but the now, you will be the defenders of what is, the defenders of what was, the defenders of the withered past, of the lifeless forms of yesteryear. You will tread under foot the buds of the dawning morrow, you will destroy its blossoms, you will pour streams of icy water upon the flowering heads of prophecy, vision, and new hope.

Today is reluctant to die. Every sunset is bloody red.

I hope, I pray for your victory, but I fear and tremble at your victory.

You are my hope; you are my fear.